בחצרות

# סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

*יום ה' פ' נשא | ער"ח סיון | תשע"א | פסחים: ס"ב.*


## באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אליעזר גאלד הי"ו פון וויליאמסבורג.

אין די נאכמיטאג שעה'ן איז האדמו"ר מ'ביאלא שליט"א פון בני ברק געווען אויף א באזך ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש אין קרית יואל.

ജ•ഗ

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמני כניסה אל הקודש פנימה אין וויליאמסבורג פון 6:30 ביז 9:00 אזייגער פונקטליך.

ജ•ഗ

### שוין דא צו באקומען!
### אוצרות אויף חודש סיון

אצינד איז שוין דא צובאקומען דער הערליכער אינהאטלסרייכער אויסגאבע "אוצרות" פון חודש סיון, וועלכער איז מלא וגדוש מיט רייכער ארטיקלען און איז זינט דעם חודש איינגעטיילט אין צוויי באזונדערע ביילאגע'ס.

איינע פון די גאהר רייכע ארטיקלען דעם חודש זעהט זיך אהן דער הערליכע באשרייבונג ווי מרן רבינו שליט"א שילדערט לעכטיגע זכרונות ימי קדם ווען ער פלעגט זיצן ביי די סוגיות שיעורים פון רבינו הק' זי"ע.

*-קחו ברכה אל תוך בתיכם-*

ജ•ഗ

### מעלדונג פון וועד האש"ל

פונעם וועד האש"ל שע"י קהלתינו הק' אין קרית יואל אויף יו"ט שבועות הבעל"ט בצל הקודש ווערט געמאלדן, אז מען וועט אי"ה צושטעלן בעטן צום שלאפן אין בנין הת"ת אויף געציל בערגער פריי פון אפצאהל פאר מענער און בחורים.

די אלע וואס ווילן זיך איינשרייבן זאלן איבערלאזן א מעסעדש קול סאטמאר אויף

212-444-9899 עקסטענשאן 932

ജ•ഗ

## ספעציעלער בריוו פון ר' שלום מרדכי רובאשקין צו תלמידי מוסדותינו הק' אין בארא פארק

אין א גאהר נאבעלער אקט, האבן זיך צוזאמענגענומען די תלמידים פון איין כיתה פון איינע פון די עלטער כיתות פון מוסדותינו הק' אין בארא פארק, און אפגעשריבן גאהר ווארימע בריוו'ן צו ר' שלום מרדכי בן רבקה רובאשקין וועלכער שמאכטעט אין תפיסה שוין א לענגערע צייט און אצינד קוקט כלל ישראל ארויס מיט האפענונג אויפ'ן הצלחה פונעם אפיעל.

אין די טעג איז אנגעקומען אן אנטווארט בריוו פון ר' שלום מרדכי'ן, ווי ער באדאנקט זיך גאהר שטארק פאר די טייערע תלמידים פאר די ווארימע חיזוק און בעהט מתפלל צו זיין פאר אים.

בייגעלייגט איז דער בריוו וואס ר' שלום מרדכי האט צירוק געשיקט פון תפיסה.

*-המקום ירחם עליו... ומשעובוד לגאולה... בזמן קריב-*

## נאך עטליכע טעג פארבליבן צו די גרול שע"י קרן חתנים – ב"פ

אין די טעג שטיצן אנשי שלומינו דעם קופת קרן חתנים שע"י ישיבתיה"ק אין בארא פארק וועלכע האבן פראקלאמירט א גורל אויף 10,000 דאללאר קעש.

דער גורל קומט אי"ה פאהר דעם קומענדיגן זונטאג נאכט. צו קויפן דעם גורל קען מען רופן אויף:

718-534-0055

*-שטיצט דעם קרן חתנים-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.